**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................8:09

מוצאי שב"ק......................9:39

**שיעורים כסדרן**

נ"ך........דברי הימים-ב' כ"ג-כ"ד

בבלי.........................זבחים צ"ב

ירושלמי...................הוריות י"ג

תוספתא....בבא מציעא פרק ה'

רמב"ם.....מאכלות אסורות י"ג


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת מטות מסעי, ב' אב, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ב'

שנה 7, גליון 42 (353)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר מַעַל בַּה'.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז דִי רֵייד פוּן אַ רָשָׁע אַ 'בַּר דַעַת', מַאכְט אַז דֶער וָואס הֶערְט עֶס זָאל טוּן עֲבֵירוֹת. אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ הֶערְן וִוי אַ רָשָׁע רֶעדְט, וַוייל דָאס שַׁאדְט זֵייעֶר פַאר דֶעם וָואס הֶערְט עֶס.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל "בִּדְבַר" בִּלְעָם,** דִי רֵייד וָואס בִּלְעָם הָאט גֶערֶעדְט הָאט גֶעשַׁאדְט פַאר דִי אִידְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת. ווִידֶער זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ"ח) "אֵין מְלַמְדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית". אַ מֵסִית, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים טָאר מֶען נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי מִינֵי רְשָׁעִים, וֶוען אַ רָשָׁע אִיז אַלֵיין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען מְלַמֵד זְכוּת זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער וֶוען אַ רָשָׁע רֶעדְט אוֹיךְ צוּ אַ צְוֵוייטְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין לִימוּד זְכוּת, אוּן פוּן אִים דַארְף מֶען שְׁטֵיין וַוייט.

דֶערְפַאר אוֹיף דִי וֶוערְטֶער "הֵן הֵנָּה" זֶענֶען דָא דִי טְרָאפְּן **"אַזְלָא גֵּרֵשׁ"**, אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם רָשָׁע וָואס וִויל צוּרֶעדְן אַז מֶען זָאל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער פוּנֶעם צַדִיק, דָאס וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר, אַז **"אַזְלָא גֵּרֵשׁ"** אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מֶען זָאל דִיר פַארְטְרַייבְּן פוּן דִי קְדוּשָׁה, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים, אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ג')

***

**וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה,** מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אִיז נָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר דָאס הַרְגֶ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי,** וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן מִדְבָּר סִינַי, דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. דָאס מֵיינְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה,** קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי תַּאֲווֹת וָואס בַּאגְרָאבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַסְעֵי ה')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אָב

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִּקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִּקְדָשׁ, עֶס דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג

<<<<<<

## א גוט ווארט

קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ פָאלְגְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז 'אַ וָוארְט אִיז אַ וָוארְט'. אַוַדאי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', אָבֶּער אַז זֵיי וֶועלְן זֶען אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרְס אַ וָוארְט וֶועלְן זֵיי וֶוערְן מְחוּנָךְ אוּן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

אַז דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס זֶענֶען מְסוּפָּק, אָדֶער אוֹיבּ עֶס זֶענֶען דָא חִילוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אָבֶּער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג וֶועלְן זֵיי פָאלְגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מְ'דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען וִויסְן אַלֶע עֵצוֹת, מֶען קֶען וִויסְן אַלֶע חָכְמוֹת אִין חִינוּךְ אָבֶּער אָן תְּפִילָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער יִרְאֵי ה'; עֶלְטֶערְן וָואס וִוילְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם טָאג נָאךְ טָאג, אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פִּנְחָס תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## קֶען מֶען שִׁיקְן אַ שָׁלִיחַ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סְ'זֶעט אָבֶער נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ זָאל דָאס קֶענֶען בַּאווַייזְן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מְ'קֶען שִׁיקְן אַ שָׁלִיחַ קַיין אוּמַאן, וֶועט דָאס זַיין פַאר מִיר אַ תִּיקוּן?

**זַלְמָן**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד זַלְמָן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין אִין אוּמַאן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגְן יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; בִּיז אוּמַאן הָאבְּן מִיר נָאךְ אַסַאךְ צַייט. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ ווִילְסְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, קֶענְסְטוּ נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין דָאס יָאר אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים וֶועסְטוּ הֶערְן ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי עֶר אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען זַיינֶע מְנִיעוֹת. דִי אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער פוּן זֵיי הָאט זַיינֶע מְנִיעוֹת וָואס עֶר דַארְף דוּרְכְגֵיין בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין אוּמַאן; קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן בַּאקֶוועם, נָאר אַלֶע וָואס קוּמֶען גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אַז מֶען מַאכְט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַ גַאנְץ יָאר אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ, אַזוֹי ווִי דִי בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן שֵׁנִי לְמַלְכוּת (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א מֵאֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ) וֶוען עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי פְּלַאץ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע?" הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דָא נָאר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ דוּ וֶועסְט דָארְט זִיצְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן אוּן וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דָא"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת.

<<<<<<

>>>>>>

פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער צֵירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה - קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הוי"ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כז ט) הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְט צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען ווִיל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב "דֶעם שֵׁם הַוָי"ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהַרְאָ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת ווִי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער ווִיל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס ווִיכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

### יֶעדְן טָאג פוּן נַיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט דִי גְמָרָא אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף ווִיסְן וֶוען עֶר ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, קֶען מֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, "אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶער ווער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

וֶוען אַ אִיד ווִיל אָבֶער אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ "וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, ווִי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?"

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם וְכוּ' - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה" - בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים; אוֹיבּ אָבֶער בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיּוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶענֶער גֵייט

<<<<<<

<<<<<<
אַז מְען בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מְען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מְען דַארף מְתַקֵּן זַיין דֶעמָאלְט אִיז מְען זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּקוּנִים.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ! מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֶערְט צוּ דִי תְּפִילּוֹת וָואס מְען בֶּעט אִים, בֶּעט יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר מְתַקֵּן זַיין; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילּוּ מֶענְטְשְׁן וֶועם אִיךְ קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין דוּרְכְן יָאר, אָבֶּער אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען צוּ זַיין תִּיקוּן". הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֵׂכֶל רַחֲמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיף מִיר אַלֵיינְס; אִיךְ הָאב דָאךְ אַזוֹי פִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב, יט): "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים", אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס זָאגְט צוּ אַז עֶר קֶען יָא מְתַקֵּן זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס אִיךְ הָאב אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ, תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ, אָמֵן.

BreslevCenter.com\answers

המשך פון דף ד

מאס התחזקות זיך צו קענען ווייטער שטארקן אין עבודת ה' אויפ'ן רבינ'ס דרך.

אויך אין אומאן וועלן די תלמידי היכל הקודש זיך האלטן צוזאמען יעדער אויף זיין פלאץ וואו ער באקומט חיזוק און התעוררות במשך די גאנצע יאר. די תלמידים פונעם ראש ישיבה שליט"א וועלן מיטהאלטן דעם ראש השנה אינעם בית המדרש פונעם נייעם בנין, ווי אויך וועט זיין נאך א בית המדרש "היכל הקודש" אין אומאן, מער אין צענטער פון שטאט, אנגעפירט דורך הגה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א. פאלגט נאך די ווייטערדיגע מעלדונגען איבער אלע צענטערן פון "היכל הקודש" די קומענדיגע יאר אין אומאן.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן; און דער רבי האט צוגעזאגט זייער גרויסע הבטחות פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה. ווי פארכטיג איז דער יום טוב ראש השנה ווען מ'שרייבט אפ אין הימל פאר יעדן מענטש אלעס וואס וועט פאסירן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דער רבי האט זיך אינטערגענומען אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט זיכער מאכן אז מ'וועט אנשרייבן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

ווען א מענטש הערט אזעלכע געוואלדיגע הבטחות, וויל ער דאך זיכער קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, און מען זעט טאקע אז יעדעס יאר קומען צו נאך טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט מיטצוהאלטן דעם רבינ'ס ראש השנה אין אומאן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן טאקע זוכה זיין צו פארן צום היילגן רבי'ן אויף ראש השנה, און פועל'ן אלע גוטע ברכות און ישועות פאר די גאנצע יאר.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

>>>>>>
אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלַל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילּוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, "אִיךְ ווִיל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה".

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חֲזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כַּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה, שֶׁאֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ" - דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ שְׁטֵייט (פֶּרֶק ו') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסּוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

## אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קֵיין וָוארְט

אֲפִילּוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קֵיין אֵיין וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְּרֶעכְט זִיךְ דִי צִיין קוּים אַרוֹיס צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי פֶערְטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כָּךְ כַּתֵּת, דְּאָמַר רָבָא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כָּךְ יֶהְגֶּה" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אֲפִילּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילּוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמּוּדִים אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקְן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער חוֹדֶשׁ אָב, ווַייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם פַארְעֶכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הַוָי"ה", ווַייל דִי חִיזּוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

## מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טְעָמִים פַארְוָואס אִידְן פִּירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵּין סְפַה"ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ' בָּלָק וּפ' דְבָרִים), אָבֶּער מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, ווַייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיגְס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן אֲפִילּוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ אוּן חֵשֶׁק ווַייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוויל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַנַ"שׁ עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

# זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיְין אוֹיף קַיְין שׁוּם פַאל

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת, כח ע"ב): פַאר רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, זֶענֶען זַיְינֶע תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעבֶּעטְן: רֶבִּי! בֶּענְטְשְׁט אוּנְז, הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אוּן גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבְּן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם. הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה?! הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: הַלְוַואי זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיְין צוּ דֶעם, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִינְדִיגְן, בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶען; עֶר קוּקְט קוֹדֶם פוּן אַלֶע זַייטְן אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט זִינְדִיגְט עֶר רַחְמָנָא לִצְלָן. קוּמְט אוֹיס אַז פוּן אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט מֶען זִיךְ וַוייל מֶען שֶׁעמְט זִיךְ, "אָבֶער אַז מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶר זֶעט אַלֶעס, אִיז דָאס דִי הֶעכְסְטֶע בְּרָכָה וָואס קֶען נָאר זַיְין, אוּן דָאס אִיז אִים מַצִּיל פוּן אַן עֲבֵירָה"; אוּן דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין אוּנְז.

עֶס אִיז דָא דְרֵיי עֶרְלֵיי סְפָרִים, דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר 'נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ', וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'סִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים' - דִי סֵפֶר פוּן צַדִּיקִים, וַוייל אִין אַלֶע תּוֹרוֹת פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה רֶעדְט עֶר אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִּיק, נָאכְדֶעם אִיז דָא דֶער סֵפֶר 'לִקּוּטֵי אֲמָרִים-תַּנְיָא' פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'סִפְרָן שֶׁל בֵּינוֹנִים' (עַיֵּין בְּשַׁעַר הַסֵּפֶר). קוּמְט אוֹיס אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סֵפֶר 'לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אִיז 'סִפְרָן שֶׁל רְשָׁעִים'; דָאס הֵייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ אַפִילוּ פַאר דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן עֶר אִיז מְגַלֶּה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי נִידֶערִיגְסְטֶע פְלֶעצֶער, זָאל מֶען זִיךְ אוֹיף קַיְין שׁוּם פַאל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיְין, נָאר וִויסְן אַז דָארְטְן אִיז אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דָארְטְן קֶען מֶען אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קיב): אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן; וַוייל אוֹיבּ בִּיזְטוּ צוּבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה, וֶועגְן דֶעם טוּט דִיר אַזוֹי וֵויי וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן, אוּן דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעמַאכְט אַזַא חוּרְבָּן, אוֹיבּ אַזוֹי מוּזְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אוּן מֶען קֶען אוֹיף אַלֶעם תְּשׁוּבָה טוּן.

(קוּנְטְרֵס דֶער רִיכְטִיגֶער שָׁלוֹם)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## נייער בנין אין אומאן וועט אי"ה זיין גרייט אויף דעם קומענדיגן ראש השנה תשע"ט הבעל"ט

עס איז גרויס די פרייד ביי אנשי שלומינו אז אויף דעם קומענדיגן ראש השנה שנת תשע"ט הבא עלינו לטובה, וועט מען זיך שוין אריינציען אינעם נייעם בנין אין אומאן, וואו אנשי שלומינו, תלמידים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלן זיך האלטן אינאיינעם במשך די טעג פון ראש השנה, צו לערנען און צו דאווענען, צו עסן די סעודות שבת ויום טוב און צו שלאפן, אלעס אויפ'ן זעלבן פלאץ, אביסל ארויסציר פון שטאט, אפגעזונדערט פון די רעש'יגע הויפט גאסן פון אומאן.

פילע כוחות און געלט איז אריינגעלייגט געווארן אינעם בנין אין בלויז די לעצטע יאר צו קענען האלטן וואו מ'האלט שוין יעצט, אז די ערשטע דריי שטאק וועלן שוין זיין פארטיג אויף דעם ראש השנה. די אינטערשטע שטאק וואו עס געפונט זיך די מקוה מיט'ן גרויסן עס זאל, די צווייטע שטאק מיט'ן גרויסן בית המדרש און די חדרי לימוד, און דער דריטער שטאק מיט די שלאף צימערן.

כאטש וואס דער בנין איז נאכנישט פארטיג אינגאנצן, גלייך נאך ראש השנה וועט מען ווייטער אנהויבן בויען און ארויפציען נאך צוויי שטאק מיט נאך פילע שלאף צימערן, וועט מען שוין אבער קענען נוצן דעם בנין היי יאר אויף א קליינעם פארנעם מיט בלויז 130 בעטן. אזוי ווי עס ווערט צוגעשטעלט דאס יאר אזא קליינע צאל בעטן, איז זייער גרויס דער פארלאנג פון אידן וועלכע ווילן מיטהאלטן דעם ראש השנה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, און דעריבער זענען גאר שנעל אויספארקויפט געווארן אלע בעטן, בלויז עטליכע בעטן זענען נאך פארבליבן, צו באשטעלן קען מען רופן 347-452-0412 וכל הקודם זכה.

דער היכל בית המדרש וועט זיין אפן לתורה ולתפלה פאר יעדן איינעם אין לויף פון די אלע טעג ווען מ'געפונט זיך ביים הייליגן רבינ'ס ציון אויף ראש השנה, דער ראש ישיבה שליט"א וועט דאווענען פאר'ן עמוד די תפלות ראש השנה מיט זיין הארציגע שטימע באגלייט מיט משוררים, די תלמידי הישיבה. ווי אויך וועט מען האבן די זכיה צו הערן דרשות התחזקות והתעוררות במשך דעם יום טוב פונעם ראש ישיבה שליט"א אינעם היכל בית המדרש. צו די סעודות וועלן אבער אריינגעלאזט נאר די וועלכע האבן געקויפט א בעט אינעם בנין.

אין די לעצטע עטליכע יאר פלעגט מען דינגען יעדעס יאר א פלאץ אין אומאן, וואו די תלמידים פונעם ראש ישיבה שליט"א האבן זיך געהאלטן צוזאמען זייענדיג אין אומאן. עס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין גאר שיין אז מ'קען זיך האלטן צוזאמען, מחזק זיין איינער דעם צווייטן, און הערן די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אומאן.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שי"ט) "אני אעשה מכם כיתות כיתות", איך וועל מאכן פון אייך אסאך כיתות, פלעגט מוהרא"ש ז"ע אלץ זאגן אויף דעם אז כאטש וואס דער רבי צעטיילט אונז טאקע אין אסאך כיתות, מיינט דאס אבער נישט אז די כיתות דארפן זיך קריגן צווישן זיך. אלע כיתות שעפן פונעם זעלבן לויטערן קוואל פון הייליגן רבי'ן, און כאטש וואס יעדער מענטש איז אנדערש, יעדער טרעפט זיך זיין כיתה, זיין חבורה, וואס איז אים דאס מערסטע נאנט צום הארץ, וואס קען מער אריינברענגען אין אים די לימודים פון הייליגן רבי'ן און אים דערנענטערן צום אייבערשטן, מיינט דאס נישט אז מען דארף זיך קריגן צווישן זיך, אדרבה מ'דארף מחזק זיין איינער דעם צווייטן, לעבן צוזאמען באהבה ואחוה, און יעדער זאל מקבל זיין תורה פון זיין משפיע וואס רעדט דאס בעסטע צו זיין הארץ.

דאס איז מקוים געווארן מיט'ן פולסטן שיינקייט ביי תלמידי היכל הקודש, כאטש וואס מיר האבן ליידער פארלוירן מוהרא"ש ז"ע, האלטן זיך די תלמידים ווייטער אינאיינעם באהבה ושלום. יעדער פרובירט ווייטער ממשיך זיין צו גיין אין זיינע הייליגע וועגן, צו לערנען זיינע הייליגע ספרים, צו מקיים זיין זיינע הייליגע עצות, וועלכע ווייזן דעם וועג פאר יעדן איד אין יעדן מצב ווי אזוי זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן און אנצוקומען צום תכלית פאר וואס מיר זענען אראפגעקומען אויף דער וועלט. די חשובי תלמידי מוהרא"ש זענען ווייטער ממשיך פארצולערנען די תורות פון הייליגן רבי'ן לויט ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, און די תלמידי היכל הקודש זענען ווייטער מקבל יעדער איינער פון דעם פלאץ וואס רעדט דאס מערסטע צו זיין הארץ, און אזוי האט יעדער די ריכטיגע

המשך בדף ג


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למז"ט

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינדער און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## הבטחת מוהרא"ש

מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש

**אשר בנחל**

וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;

דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך < 212-444-9191 /**

845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן